פרשת לך לך ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון עו ||| שנה ג'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש



בר אבטח א
קביעת עתים לתורה ד


## בר אבטח

### אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין;
די ריכטיגע צוגאַנג צו געלט אין אַלע אומשטענדן

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ל"ד, ב' שמות תש"פ

חלק ב

א

## עצביהם כסף וזהב; די עבודה זרה פון נאָכלויפן געלט

### רדיפת הממון איז פונקט ווי עבודה זרה

מיר געפינען אַ יסוד וואָס שטייט שוין אין די **ספרי ראשונים**, און נאָכמער ווערט דאָס אַרומגערעדט אין די חסידי'שע ספרים, אַז **דער יצר הרע פון תאוות הממון איז ממש דער זעלבער יצר הרע פון עבודה זרה.**

ס'איז דאָ אַ באַקאַנטע ספר **אורחות חיים להרא"ש**, מיט דברי מוסר וואָס דער הייליגער רא"ש האָט געשריבן אויסגעשטעלט לויט קורצע ענינים. (אַמאָל איז געווען דער מנהג ביי אַסאַך אידן אַז בשעת ווען מ'האָט געגעסן האָט מען געהאַלטן אפען אן ארחות חיים להרא"ש, כדי צו קענען לערנען אינמיטן די סעודה דברי מוסר פון איינעם פון די ראשונים כמלאכים. היינט איז געוואָרן אן אַנדערע סאָרט וועלט; ווען איינער וויל לערנען אינמיטן עסן, הערט ער עפּעס. אָבער אַמאָל האָט מען דאָס געלערנט אַסאַך).

אַלענפאַלס, אין **אורחות חיים להרא"ש** (אות כ"ט) שטייט בזה"ל: **'אל תשים זהב כסלך'** - זאָלסט נישט מאַכן פון געלט דיין פאַרזיכערונג, **'כי זאת תחלת עבודה זרה'** - ווייל דאָס איז די אָנהויב פון עבודה זרה!

ענליך שטייט אין ספר החיים, פון רבינו **חיים ב"ר בצלאל** ז"ל, אַ ברודער פון דעם **מהר"ל**, אין פרק ה', וז"ל: **"כי עכשיו ספו תמו העבודות הזרות אשר היו מימי קדם, וחדשים מקרוב באו, כגון עבודת הכסף והזהב, שגם הוא בכלל עבודה זרה יחשב".**

### דער יצה"ר פון עבודה זרה האָט אַ נייע תפקיד

נאָכמער איז ידוע וואָס עס שרייבט הרה"ק רבי **אלעזר מליזענסק** זי"ע, בן הרה"ק רבי ר' **אלימלך** זי"ע, אין דעם אגרות הקודש, וואָס איז געדרוקט צום סוף פונעם ספה"ק **נועם אלימלך**, אַז ער האָט געהערט פון אַ 'גדול אחד שאמר', אויף דעם וואָס די גמרא (יומא סט, ב) זאָגט אַז די אנשי כנסת הגדולה האָבן גע'הרג'ט דעם יצר הרע פון עבודה זרה. וויאַזוי קען מען הרג'נען אַ מלאך וואָס איז אַ גוף נקי זך ורוחני?!

נאר - שרייבט הרה"ק רבי אלעזר זי"ע - די ריכטיגע פשט איז, אַז מ'האָט מעביר געווען דעם יצר הרע פון זיין פריער'דיגע אומנות. מ'האָט אים נישט גע'הרג'ט, נאָר ער האָט באַקומען אן אַנדערע שליחות. וואָס איז זיין יעצטיגע אומנות?! מיר ווייסן דאך אַז יעדער מלאך האָט אַ תפקיד?! נאר **מ'האָט אים געגעבן די אומנות פון געלט, צו מבלבל זיין מענטשן, אַז זיי זאָלן נאָכלויפן ממון ועושר.** דאָס איז יעצט די שליחות פון דעם יצרא דעבודה זרה, ווייל די תאוה פון געלט איז קרוב לעבודה זרה! עכל"ק.

דאָס הייסט אַז **בעצם טוט דער מלאך ווייטער די זעלבע סאָרט אומנות**, מ'האָט עס נאר אויסגעביטן אויף אַן אַנדערע סאָרט נוסח אַביסל. ס'איז ווייטער די זעלבע סוגיא פון עבודה זרה.

### די שורש פון תאוות הממון איז זיך נישט פאַרלאָזן אויף השי"ת

אַזוי שטייט טאַקע אין אַסאַך **ספרים הק'** פון די **תלמידי בעש"ט** אַז עבודה זרה מיט רדיפה אחר ממון איז ממש די זעלבע זאַך, און אַז מ'לערנט אין חובת הלבבות זעט מען אַז דאָס האָט אַ פשוט'ע הסבר, ווייל די גאַנצע מהות פון עבודה זרה איז ווען דער מענטש איז זיך בוטח אויף אַנדערע כוחות, אַנשטאָט זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן.

דאָס זעלבע איז ווען מען איז רודף אחר הממון, דעמאָלט **אַנשטאָט זיך בוטח זיין אויפ'ן רבוש"ע איז מען זיך בוטח אויף זיין געלט.** דאָס איז בעצם וואָס דער מענטש טוט!

ס'איז זייער פחד'דיג צו זאָגן ווייל ליידער זענען מיר אַזוי שטאַרק דבוק צו דעם ענין, **אָבער דאָס איז די אמת!** ווען מ'לויפט נאָך געלט איז מען זיך בוטח בעצים ואבנים. **כאילו די געלט וועט אים העלפן זיך אַן עצה געבן** אין לעבן.

### תאוות ממון איז אויך אַ חלק פון די נסיונות הדור

און דער פּראָבלעם איז אַז **מיר טראַכטן ניטאַמאָל איבער דעם גרויסן מכשול וואָס ליגט אין תאוות ממון.** ווען מ'רעדט וועגן די נסיונות פון דעם דור וועט מען אַלעמאָל רעדן פון אַנדערע סאָרט נסיונות, **געלט איז בכלל נישט קיין נושא.** אַנדערע וועלן זיך אפילו וואונדערן: **"געלט?! רעדט ביטע פון עפּעס אַנדערש, נישט דאָס איז די גרויסע פּראָבלעם פון אונזער דור!"**

אָבער דער חובת הלבבות איז נישט אַזוי זיכער דערמיט... דער חובת הלבבות זאָגט אונז: **אויב וואָלטן מענטשן געווען נאָנט צום אויבערשטן וואָלטן די אַנדערע נסיונות הדור אויך געוואָרן**

### אותיות מחכימות

אגרת הקודש להרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע נדפס בסו"ס נועם אלימלך

ושמעתי מגדול אחד שאמר, זה היצר הרע של עבודה זרה אנשי כנסת הגדולה הרגו אותו (יומא סט, ב), זהו תמיה גדולה, היאך אפשר להרוג את המלאך שהוא גוף נקי זך ורוחני?

אלא רק שהעבירוהו מאומנותו הראשונה. אם כן מה היא אומנותו עתה, הלא כל מלאך נברא לאיזה שליחות? אלא שנותנין לו אומנות הממון, לבלבל בני אדם ברדיפת ממון ועושר, שזהו קרוב לעבודה זרה בעוונותינו הרבים.

**מסודר!** אויב מ'וואָלט אויפגעהערט נאָכלויפן געלט וואָלטן מענטשן יונק געווען זייער חיות פון דעם אויבערשטן, **וואָלטן זיי אויטאָמאַטיש נישט געהאַט קיין אַנדערע נסיונות.** ווייל ווען מ'איז נאָנט צום רבוש"ע און מ'באַקומט דעם חיות פון אויבן, ווערט מען נישט אַראָפּגעשלעפּט. אָבער **אויב די חיות קומט חלילה פון אַנדערע מקומות, אודאי ווערט דער גוף נאָכגעשלעפּט צו דברים אסורים**, ווייל ער איז דאך יונק פון עבודה זרה ממש.

### די צוויי תאוות זענען מקושר זה בזה

דערפאַר שטייט טאַקע אין **ספרים הק'** אַז תאוות ממון און אַנדערע תאוות אסורות זענען פאַרבינדן איינס מיט'ן צווייטן. אַזוי זעט מען ביי בלעם און ביי אַנדערע אַז די צוויי תאוות זענען אַלעמאָל קשור און נאָנט געקניפּט און געבינדן. די שורש דערפון איז דאָס זעלבע.

און די הסבר דערצו איז זייער פּשוט: ווען דער מענטש וויל זיך באַרואיגן און באַקומען אַביסל חיות אין אַ צייט וואָס ער איז אומעטיג און פאַרלוירן, **אויב נעמט ער זיין באַרואיגונג פון דעם מקור החיים, דעמאָלט איז אשרי חלקו**, דאָס הייסט געלעבט ריכטיג! אָבער **אויב ער נעמט ער זיין רואיגקייט פון אַן אַנדערע מקום, ער באַקומט זיין חיות פון געלט**, דעמאָלט ווערט ער חלילה נאָכגעשלעפּט אויך צו אַנדערע תאוות.

### ווען ס'קומט צו געלט קומט אַרויס די אינערליכע מהות

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס חז"ל זאָגן (עירובין סה, ב) **'אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכעסו'**, ווייל דאָרט קענסטו זען וואו דער מענטש האַלט באמת.

ווען איינער איז זיך מפלפל אין לערנען איז דאָס זייער אַ שיינע זאַך, אָבער ס'איז נאָכנישט מעיד אויף זיין אינערליכע מהות. צומאָל קען ער זיין אַ גוטער בעל כשרון, אָבער נישט דאָס איז די זאַך וואו דער מענטש איז ניכר. **ווילסט וויסן באמת וואו דער מענטש שטייט?! קוק ביי די נושא פון געלט**, וועסטו זען אויב ער איז יונק זיין חיות און זיין בטחון פון דעם אויבערשטן, אָדער ער איז תולה בטחונו אין כסף וזהב. דער ענין פון געלט איז פאַרבינדן מיט די טיפסטע חלקים פון דעם נפש!

דער חובת הלבבות שטעלט אונז אַראָפּ דעם כלל: **דו ווילסט זיין אַן ערליכער איד?! אָן קיין בטחון וועסטו נישט קענען אָנקומען דערצו!** סיי אויב דו וועסט האָבן געלט און סיי אויב דו וועסט נישט האָבן קיין געלט איז די ערשטע און וויכטיגסטע זאַך, צו האָבן בטחון אין השי"ת.

ב

# וטהר ליבנו; אין אַ אידישע שופלאָד - אַסאַך געלט, אין אַ אידישע האַרץ - קיין גראָשן

### די ריכטיגע בליק אויף געלט

וועט אַ מענטש פרעגן: למעשה דאַרף מען האָבן פּרנסה, מ'דאַרף דאך אויסהאַלטן אַ אידישע שטוב, ס'איז דאך דאָ אַזויפיל צרכים וואָס פאָדערן אַז מ'זאָל האָבן אַ שפע?!

הערט אַ וואָרט פון הגה"צ רבי **שמעון'לע זעליכאָווער** זצ"ל, וואָס שטייט אין זיין ספר 'נהרי אש' (אות רכ"ז): ווען מ'רעדט וועגן תאוות הממון, איז נישט די כוונה אַז מ'זאָל נישט האָבן קיין געלט, אַ איד דאַרף דאָך האָבן פּרנסה. **"אין אַ אידישע שופלאָד זאָל זיין אַסאַך געלט, אין אַ אידישע הארץ טאָר נישט זיין קיין גראָשן"**.

דער צדיק האָט מיט איין שורה אונז באַלאָכטן די אויגן צו ריכטיג פאַרשטיין פּשט אין דעם חובת הלבבות: **ווער האָט דאָ בכלל גערעדט וועגן נישט האָבן געלט?!** דו קענסט האָבן געלט געזונטערהייט! קענסט האָבן תורה וגדולה במקום אחד! מ'רעדט נישט וועגן לעבן אַ חיי עוני מיט אָרימקייט! **מ'רעדט נאר וועגן דאָס האַרץ פון דעם מענטש**, אויף וואָס פאַרלאָזטו זיך?!

מיר זענען דאָך מתפּלל אַלעמאָל אַז מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען לידי מתנת בשר ודם, גדול הנהנה מיגיע כפּו יותר מירא שמים. **אודאי דאַרף אַ איד האָבן אַלע צרכים מיט אַ גרויסע הרחבה**, ווייל דקדוקי עניות קען אַרויסנעמען דעם מענטש פון זיין גאַנצן ישוב הדעת, ס'איז זייער שווער אַזוי צו לערנען און דאַווענען.

### די באַנק אַקאַונט פול, און דאָס האַרץ ליידיג פון געלט

דער הייליגער **רבי פון לובלין** זי"ע האָט גע'פּועל'ט אַז אידן זאלן האָבן רענצלעך מיט געלט. הרה"ק רבי ר' **מענדלע מרימאַנוב** זי"ע האָט 22 יאָר געזאָגט תורה אויף פּרשת המן אַז ס'זאָל זיין אַ שפע פאַר אידישע קינדער. האָבן זיי דען חלילה געוואָלט אַז מ'זאָל נכשל ווערן מיט די עבודה זרה פון געלט?! **אודאי נישט!** אין אַ אידישע שופלאָד דאַרף זיין אַסאַך געלט!

היינט צוטאָגס איז שוין כמעט נישט אין באַנוץ קיין קעש געלט, דאַרף מען זאָגן דעם נוסח אַביסל אַנדערש אַז **אין אידישע באַנק אַקאַונטס זאָל זיין אַסאַך געלט.** די גאַנצע רעיון פון בטחון איז נאָר אַז דאָס האַרץ זאָל זיין ליידיג פון געלט! אַ איד דאַרף אַרבעטן אַ גרויסע עבודה דאָס אַרויסצונעמען פון זיין האַרץ. דער בעל בטחון האָט נישט קיין גראָשן אין זיין האַרץ.

### בטחון ברענגט בלויז נאָך שפע

און אדרבה ואדרבה: **וויפיל מער דו וועסט אַרויסנעמען דאָס געלט פון דיין האַרץ, אַזויפיל מער וועט דיין שופלאָד, און דיין באַנק אַקאַונט, ווערן אָנגעפולט מיט געלט!** אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט, אַז ווילאַנג דאָס האַרץ איז פול מיט געלט קען ער נישט זיין דבוק צום אויבערשטן און דעמאָלט האָט דער מענטש אַליין פאַרמאַכט זיין צינור פון שפע, **דאָס געלט קען נישט אָנקומען אין זיין אַקאַונט.**

זאָגט אונז דער חובת הלבבות: **טו זיך אַליין אַ טובה, און זיי דיך בוטח בהשי"ת.** אַרבעט אויף דיין האַרץ צו האָבן בטחון, דעמאָלט וועסטו האָבן אַ שפע און **וועסט קענען מסדר זיין דאָס גאַנצע לעבן מיט אַן הרחבת הדעת!** דו דאַרפסט כאַפּן און פאַרשטיין אַז דו קענסט נישט זיין קיין ריכטיגער איד אָן זיין אַ בעל בטחון, און נישט בלויז ווייל אָן קיין בטחון וועסטו זיין שקוע אין תאוות ממון, נאר ווייל אָן קיין בטחון וועסטו נישט האָבן מיט וואָס חתונה צו מאַכן דיינע קינדער!

### אַרבעט אויף בטחון טאַקע וויבאַלד דו דאַרפסט האָבן געלט

שטייט אַ איד און טענה'ט: פאַרצייל מיר נישט יעצט די אַלע חובת הלבבות שיעורים, דו ווייסט אַז כ'דאַרף חתונה מאַכן בקרוב?! איך מוז לויפן צו דער אַרבעט, כ'וועל אַרויפשאַרן די אַרבל און טון וואָס מ'דאַרף. ס'איז דאך דאָ אַ חיוב פון השתדלות...

זאָגט אים דער חובת הלבבות: צדיק! **דו קענסט נישט אַזוי טון, ווייל דו דאַרפסט דאך חתונה מאַכן די קינדער!** אויב דו וועסט נישט האָבן קיין בטחון וועסטו דאָך נישט האָבן קיין שפע! לויף אַוועק פון די נאַרישע מחשבות, טויש דיין האַרץ! **דו דאַרפסט דאך האָבן געלט, אַז דו וועסט איבערבייטן דיין האַרץ וועסטו האָבן אַלע צרכים** און דו וועסט קענען דינען השי"ת ווי ס'דאַרף צו זיין, מיט אַ לב פנוי.

ווען מיר זענען מתפלל 'וטהר לבנו לעבדך באמת', וואָס האָבן מיר דעמאָלט אינזין?! געווענליך טראַכט מען גלייך וועגן קדושה, אָדער וועגן פניות בעבודת ה'. אָבער באמת דאַרפן מיר דאך האָבן אַ גרויסע שטיקל זייף **צו אויסרייניגן דאָס האַרץ וואָס איז אָנגעלייגט מיט געלט.** ס'איז נישט שייך צו דינען ריכטיג דעם אויבערשטן ווען דאָס האַרץ איז אָנגעפולט מיט אַזאַ עבודה זרה.

### די ערשטע כלל; חזר זיך איין מחשבות פון בטחון

אַלזאָ וואָס איז טאַקע די עצה וויאַזוי צו אַרבעטן אויפ'ן האַרץ ריכטיג?! ס'איז זיכער אַז די מהלך איז נישט אַז מ'זאָל אויפהערן אַרבעטן פאר פּרנסה. דאָס איז דאך די פאַרקערטע פון אַלעס וואָס דער חובת הלבבות האָט גערעדט. **ווען איינער לאָזט זיך נאָך פון זיין נאָרמאַלע השתדלות מיינט דאָס אַז ער האָט בכלל נישט געכאַפּט די נקודה פון בטחון.**

וואָס איז יאָ די עבודה?! די ערשטע כלל איז **מ'דאַרף פּשוט לערנען חובת הלבבות, און חזר'ן מחשבות פון אמונה**, וואָס זאָל מחזק זיין דעם מענטש אין דעם ריכטיגן צוגאַנג. דער מח זאל משפּיע זיין פאַר'ן הארץ, מח שליט על הלב.

### די צווייטע כלל; האדם נפעל כפי פעולותיו

אָבער דאָס איז נאָכנישט גענוג, ווייל מיר געפינען זיך אין אן עולם העשי', און דאָס האַרץ ווערט זייער שטאַרק נשפּע אויך פון די עשיות וואָס מיר טוען. דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז דער מענטש מוז טון פּעולות, ווי דער ספר החינוך זאָגט: 'האדם נפעל כפי פעולותיו ואחרי הפעולות נמשכים הלבבות'.

דו ווילסט דיין האַרץ זאָל זיין ריין פון געלט? דו ווילסט אַז ס'זאָל זיין אַ ריכטיגע וטהר לבנו לעבדך באמת?! מוזטו אויך טון פּעולות וואָס זאָל משפּיע

זיין אויף דיין האַרץ, וועלכע סאָרט פעולות?! אויף דעם האָבן מיר אַ **גמרא**, מיט אַ שטיקל פון ספה"ק **קדושת לוי** וואָס איז אונז מסביר די גמרא.

### אַוועקטיילן דאָס געלט איז אַ פעולה פון בטחון

**חז"ל** זאָגן אין מסכת גיטין (ז, א): "**אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין, יעשה מהן צדקה**". - אויב אַ מענטש זעט אַז זיין פרנסה איז מצומצם, זאָל ער נעמען דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט יאָ, און ער זאָל דאָס אַוועקגעבן פאר צדקה. **יאָ יאָ, כאַפּ אן דיין געלט מיטביידע הענט און טייל עס אויס פאַר צדקה,** דאָס גייט דיך העלפן!

פאַרוואָס טאַקע?! זאָגט דער הייליגער **קדושת לוי** (פירושי אגדות) - וואָס איז פון אונזערע גרויסע רבי'ס אין דער סוגיא פון בטחון, און גאָר אַסאַך יסודות פון בטחון איז מבואר בדבריו הק' - אַז דער חשבון איז זייער פשוט: **ווען אַ איד איז מפזר זיין געלט מיט אַ נדיבת הלב, טוט ער יעצט אַ פעולה צו ווייזן אַז ער איז זיך נישט בוטח אין דעם געלט.** ער דאַרף האָבן מער רחבות אָבער ער גיבט אַוועק זיין געלט, היפך השכל, ווייל ער גלייבט אַז 'איך דאַרף נישט האָבן מיין געלט כדי צו באַקומען מיין ישועה'.

דער מענטש טוט אַ פעולה פון בטחון און דורכדעם איז ער זיך מדבק צום אויבערשטן. און **אַז ער איז דבוק צו השי"ת קומט דעמאָלט אַריין אַ ברכה,** ובכל אשר יפנה יצליח ויתרבה נכסיו עד מאוד!

מיט דעם יסוד טייטשט דער קדושת לוי דעם פסוק אין משלי (יא, כד): '**יש מפזר ונוסף עוד**' - ווען אַ מענטש איז מפזר זיין געלט מיט אַ בטחון אין השי"ת, איז דאָס אַליין די מקור פון אַלע ברכות און ער וועט געבענטש ווערן מיט ברכה און שפע.

### ← אותיות מחכימות ←

ספה"ק קדושת לוי פירושי אגדות, בבא בתרא, פרק הספינה

ועל דרך זה פירוש הגמרא (גיטין ז.) הרואה שנכסיו מתמוטטין יעשה מהן צדקה. ולכאורה אינו מובן לעיני השכל דמה נשתנה מצוה זה מכל שאר מצות שבתורה.

והענין יובן, שהתורה מלמדת לאדם דרך הנכונה לעבודתו יתברך שמו, כשהאדם שם בטחונו באיזה דבר מטובת עולם הזה הוא מראה כאילו אותו דבר יש לו חס ושלום כח להפעיל זולת הבורא ברוך הוא, ממילא נפסק מזה הדבר דביקות ושפע של הבורא ברוך הוא.

וזה ששמעתי ממורי הגאון בוצינא קדישא המפורסם מוה' דוב בער זלה"ה מ"מ דק"ק מעזריטש, פירוש וימלוך וימת. כיון ששם אדם הבטחון באיזה דבר הוא ממליך אותו הדבר על עצמו ונפסק הבטחון ממנו יתברך שמו, לכן נגרע פרנסתו ממנו וזהו וימת. אך אל ה' לבדו ישים בטחונו, ויבחון במעשיו שכל דבר אין בו כח זולת הבורא יתברך שמו, אזי מדבק ומקשר כל ענינו בהבורא יתברך שמו, והוא יתברך שמו מקור כל הברכות ומקור חיים אזי שורה בכל מעשיו ועניניו כל הברכות והשפע, כי הוא מדבק כל הדברים באין סוף.

והנה בראות האדם שנכסיו מתמוטטין, העצה הנכונה שיעשה מהן צדקה. ביאור הדבר, כשמפזר מעותיו בנדיבת לב נמצא מראה בפועל שאינו שם בטחונו במעותיו, ואדרבה שם בטחונו בהשם יתברך, וכשהוא מתדבק בו יתברך שמו אזי מתדבק ומתקשר בו יתברך שמו כל עשייתיו ורכושו והוא באין סוף, ומכח זה שורה הברכה ובכל אשר יפנה יצליח ויתרבה נכסיו עד מאוד. ומשום הכי צדקו בדבריהם שאמרו יעשה מהן צדקה.

וזה שאמר הפסוק (משלי יא, כד) "יש מפזר" ועושה צדקות בנדיבת לבו הטהור עיקר בטחונו בהבורא יתברך שמו, "ונוסף עוד", והוא מקור כל הברכות, לכן יתברך האדם ויתוסף לו עוד ברכה ושפע.

ג

# אחרי הפעולות נמשכים הלבבות; דער בעל בטחון בלייבט רואיג ווען ער דאַרף שפּענדן געלט פאר אומגעראָכטענע הוצאות

### אַ מעשה מיט צעבראָכענע ברילן פון אַ ווילד קינד...

דער יסוד פונעם קדושת לוי דאַרף מען נעמען אַ טריט ווייטער, אַז דאָס איז נישט בלויז נוגע ביי צדקה, נאר **יעדעס מאָל וואָס ס'קומט אונטער אַ הוצאה פון געלט זאָל מען דאָס געבן מיט אַ ברייטע האַרץ,** וואוסנדיג אַז איך פאַרלאָז זיך נישט אויף מיין געלט.

צום ביישפיל: אַ יונגערמאַן האָט ענדליך באַקומען אַ שטיקל סכום פון געלט, וואָס ער קלערט אַז דאָס וועט אים געבן אַביסל הרחבה אויף די קומענדיגע טעג. אָבער דאַן קומט אַהיים זיין קינד פון חדר מיט אַ מודעה אַז יעדער דאַרף ברענגען צוואָנציג דאָלער פאר אַ מתנה; ס'גייט נישט דורך עטליכע מינוט און זיין בני בית זאָגט אים אַז מ'דאַרף האָבן געלט צו קויפן אַ נייע פאר שיך; און אַביסל שפּעטער קומט אַהיים נאָך אַ קינד און פאַרציילט אַז ער האָט זיך צעווילדעוועט אין חדר און זיינע ברילן האָבן זיך צעבראָכן...

**אַצינד גייט דער טאַטע שוין אינגאַנצן אַרויס פון די כלים,** ס'איז 'בכיסו ובכעסו' מיט אַלע מפרשים... "וואו איז דיין אחריות?! קענסט נישט אַכטונג געבן?! כ'האָב דיר ממש לעצטנס געקויפט נייע גלעזער?!".

### די פאַרלוירנקייט קומט פון אַ חסרון אין בטחון

לאָמיר פאַרשטיין וואָס דאָ האָט פּאַסירט: דאָס יונגעלע איז אַ קינד, און **קינדער זענען ווילד און זיי צעברעכן צומאָל בשוגג חפצים.** דאָס איז דער מציאות.

אַצינד, איז דען דאָ אַ ספק צי מ'דאַרף אים קויפן נייע ברילן?! ניין, ס'איז נישט קיין ספק. **די סיבה אויף דיין אויפברויז איז נישט ווייל דו ווילסט אים מחנך זיין.** והא ראי' אַז ווען די אַלע דריי בקשות וואָלטן נישט געקומען אין די זעלבע האַלבע שעה וואָלסטו נישט געמאַכט אַזאַ עסק דערפון. די איינציגע סיבה פאַרוואָס דו ביסט אַזוי פאַרלוירן געוואָרן איז ווייל ס'איז 'מזונותיו מצומצמים' און **דו קענסט נישט פועל'ן ביי זיך אַז ענדליך ווען דו האסט שוין באַקומען די פאר פרוטות דאַרפסטו אַלעס אַוועקגעבן.**

### געב דאָס געלט מיט אַ שמייכל

כ'האָב אייך נייעס: **קיינער האָט נישט קיין טענות אויף דיר.** מ'פאַרשטייט אַז דו ביסט אַ מענטש, אַ בשר ודם, וואָס שפּירט אָנגעוויזן אויף זיין געלט. אָבער מ'זאָגט דיר בלויז אַ גוטע עצה וואָס חז"ל געבן אונז. **ווייסט וואָס די עצה איז?! נעם אַרויס דאָס געלט און זאָג נישט קיין וואָרט!** "אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין, יעשה מהן צדקה".

געב דאָס געלט פאַר'ן קינד און זאָג מיט אַ שמייכל: **"מ'גייט דיך אי"ה קויפן נייע ברילן וואָס וועט זיין שטאַרקער און בעסער ווי דאָס וואָס דו האסט געהאַט".** אויב דו ווילסט אים מחנך זיין, קען מען רעדן דערוועגן מאָרגן. שוין אָפּגערעדט אַז בדרך כלל איז דאָס ניטאַמאָל געווען זיין שולד, אָבער דאָס איז נישט צופיל מעלה ומוריד. **יעצט טו אַ פעולה** וואָס זאָל אַריינלייגן אין דיין האַרץ אַז דו פאַרלאָזט זיך נישט אויף דיין געלט.

### יעדער איז אַ 'בעל ממון' צו אַ געוויסע שטאַפּל

דער חובת הלבבות דערמאַנט דאָ אין דער הקדמה, אַז בטחון איז אויך נוגע פאר איינעם וואָס איז אַ 'בעל ממון'. '**אִם הוּא בַּעַל מָמוֹן יְמַהֵר לְהוֹצִיא חוֹבוֹת הָאֱלֹקִים וְחוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם מִמָּמוֹנוֹ בְּנֶפֶשׁ חֲפֵצָה וְרוּחַ נְדִיבָה**' - די בטחון העלפט אים אַז ער זאָל מסכים זיין צו אַרויסגעבן זיין געלט מיט אַ רואיגן געמיט.

באמת איז יעדער מענטש אַ 'בעל ממון' אין אַ געוויסן הינזיכט, ווען ס'קומט צו זיינע זאַכן. ער האָט טאַקע חובות און ער לעבט בצמצום, אָבער אויב דאַרף מען אַמאָל פאָרן אויף וואַקאַציע, אָדער קויפן אַ נייעם שטריימל, טרעפט ער שוין דאָס געלט דערפאַר. ווידעראום דוקא ווען ס'קומט צו די צרכים פון די בני בית, דעמאָלט איז ער מצמצם, און יעדער אין שטוב כאַפּט פון אים פאַרוואָס מ'האָט געקויפט אַזוי ברייט...

### דער פּראָבלעם ווען מ'איז זיך בוטח אין דאָס ביסל געלט

למעשה פירסטו דאך אַ שטיקל בודזשעט פאר די טאָג טעגליכע הוצאות. ס'איז נישט פשט אַז ס'איז ממש גאָרנישט דאָ פון וואו צו נעמען. **בסך הכל האַלטסטו נישט דערביי יעצט צו אַוועקגעבן**

**דאָס געלט, ווייל דו האסט נישט גענומען אין חשבון אַז ס'גייט דיך אונטערקומען די פרישע הוצאה,** און דערפאַר ווערט דער מענטש אויפגערעגט, **ווייל ער האָט בטחון אין דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט יאָ,** און קען זיך נישט געזעגענען דערפון.

זאָגט דער חובת הלבבות אַז **איינער וואָס איז אַ בעל בטחון וועט אויסגעבן דאָס געלט מיט אַ 'נפש חפצה ורוח נדיבה'**, און די פעולה וועט מאַכן אַז ס'זאָל זיין 'האדם נפעל כפי פעולותיו', **ער וועט זיין רואיג אויך במחשבה און בלב,** מיט אַ בטחון אין דעם אויבערשטן, נישט אין זיין געלט.

## דער בעל בטחון איז נישט מצמצם ביי וויכטיגע הוצאות

דאָס איז נוגע אויך ביי אַ יונגערמאַן וואָס מוטשעט זיך צו ענדיגן דעם חודש, ווייל ער וויל בלייבן אין כולל נאָך אַ יאָר. ער פּרובירט וויפיל ער קען צו שטופּן אַז ער זאָל נאָך אַביסל קענען לערנען. און ס'קומט פון אַן אמת'ע ריינע פלאַץ. אָבער **דער בעל בטחון נעמט דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט יאָ און ער גיבט דאָס פאר די בני בית** אַז זי זאָל עפּעס קויפן לכבוד יו"ט, ווי ס'שטייט אין שו"ע, צו אַריינברענגען אַ שמחה אין שטוב און ער זאָגט אָן: "דאָסמאָל זיי נישט מצמצם! איך וויל אַז מ'זאָל זיין צופרידן. פאר מיין טובה בעט איך דיך אַז זאָלסט קויפן אַביסל ברייטער, אַז ס'זאָל זיין!".

שוין אָפּגערעדט אַז ווען ס'קומט אַן ערב שבת טוט ער נישט חלילה קיין נאַרישקייט נישט צו קויפן די געווענליכע מאכלי שבת בלויז וויבאַלד די וואָך איז ער שטאַרק מצומצם מיט געלט. ס'פאַלט אים אפילו נישט איין צו איינצוימען די מאכלים פון דעם סעודת שבת.

דאָס איז דער ריכטיגער וועג פון אַ בעל בטחון! פון איין זייט **טוט ער נישט קיין איבריגע השתדלות פאר געלט,** און פון דער צווייטער זייט **איז ער ברייט מיט געלט ווען ס'קומט צו הוצאות וואָס דער רצון ה' איז אַז מ'דאַרף דאָס צאָלן.** אַ איד וואָס לעבט אַזוי וועט אַלעמאָל בלייבן מיט זיין בטחון! אפילו ווען ער וועט געבענטשט ווערן מיט ברכה ושפע אַדאַנק זיין בטחון, **וועט זיין האַרץ אָבער נישט זיין דבוק צו דאָס געלט,** נאָר ער וועט שטענדיג געדענקן אַז בלויז דער רבוש"ע גיבט אים אַלע זיינע צרכים.

## צוויי סאָרט הנהגות ביי צדיקים

ביי צדיקים אין אַלע דורות האָט מען געזען צוויי סאָרט הנהגות אין דעם ענין פון געלט. צום ביישפּיל איז געווען דער סטרעליסקער דרך, וואו אַלע חסידים זענען געווען עניים ואביונים און ווען הרה"ק רבי **אורי מסטרעליסק** זי"ע האָט זיי אַמאָל געזאָגט אַז זיי קענען יעצט פועל'ן וואָס זיי ווילן, האָט קיינער נישט געבעטן קיין פּרנסה, נאר אַז **זיי ווילן בעסער שפּירן אַ טעם אין 'ברוך שאמר'.** דאָס איז זיי געווען אַסאַך וויכטיגער ווי געלט.

לאידך גיסא איז געווען אַן אַנדערע דרך פון צדיקים וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ גרויסע עשירות, ווי מיר געפינען שוין ביי רבינו הקדוש מסדר המשניות, אָבער די צד השוה ביי אַלע צדיקים איז געווען אַז **זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום דביקות אין דאָס געלט!**

## צדיקים זענען געווען אַזוי ווייט פון געלט

פּשוט'ע מענטשן וואָס זענען ליידער מקושר צו געלט קענען אַמאָל זיך וואונדערן: "ווי פּאַסט עס אויף אַזאַ צדיק אַז ער זאָל האָבן געלט?!" דאָס איז דאך אַזוי נאַריש! **דו ווייסט פאַרוואָס דער צדיק האָט געהאַט געלט?! ווייל ער איז נישט געווען דבוק צום געלט,** ער האָט געשעפּט זיין חיות פון דעם אויבערשטן און אויטאָמאַטיש איז זיין צינור השפע געווען ברייט אָפן.

אַ מענטש וואָס איז נישט דבוק צו געלט **האָט אַ חיים טובים, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.** אָבער דאָס איז אַן ערנסטע עבודת החיים אַז מ'זאָל זיך טאַקע אָפּרייסן דערפון און מ'זאָל נישט זיין מקושר צום געלט. דערפאַר איז געווען צדיקים, אַזויווי דער הייליגער **צאַנזער רב** זי"ע, וואָס האָבן זיכער געמאַכט אַז ס'בלייבט נישט קיין פּרוטה אין שטוב ביינאַכט, ווייל זיי האָבן חושש געווען טאָמער ס'וועט בלייבן אַ פּרוטה איבערנאַכט קענען זיי חלילה זיך בוטח זיין אויף דער פּרוטה. **ליבערשט האָבן זיי געוואָלט אָנהויבן פריש יעדן טאָג מיט אַ גענצליכע בטחון בלויז אין דעם רבוש"ע.** זיי זענען אַנטלאָפן פון דאָס מינדעסטע שייכות פון דביקות צו געלט.

מיר זענען אודאי נישט אויף דער הויכער מדריגה פון צדיקי אמת, אָבער מ'דאַרף כאָטש וויסן דעם אמת און פּרובירן גיין אויף דעם וועג, **זיך אַביסל אפצוטשעפּענען און נישט זיין אַזוי דבוק צום ענין פון געלט.** דער חובת הלבבות זאָגט אונז דאָ אין דער פּתיחה פון שער הבטחון: ס'קומט גוטע צייטן, דו לערן און חזר נאר בטחון, וועט אַלעס אַריינפאַלן אין פלאַץ בעז"ה!

# קביעת עתים לתורה

## זה כלל גדול בתורה;

### דאָס חשיבות פון קביעות עתים אין אַ צייט פון טרדות

קביעת עתים לתורה שיעור ז' - יום רביעי פרשת תרומה ה' אד"א תשפ"ד

**חלק ב**

**א**

# אף חכמתי עמדה לי; זיך אַרויס'גנב'ן צום לערנען אפילו ווען מ'איז זייער אָנגעשטרענגט

## קבע מיינט אויך 'כאַפּן'

נאָכ'ן לערנען דעם מדרש רבה פון אָנהויב פּרשת תרומה, אַז כביכול **דער רבוש"ע אַליין פאַרקויפט זיך צוזאַמען מיט דער תורה פאַר אידישע קינדער,** לאָמיר צוענדיגן מיט דעם אויספיר פון ספר **'תפארת ישראל'** אויף משניות, ביי דער משנה פון 'עשה תורתך קבע' (אבות פ"א, מטו), וואָס מיר האָבן געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים, וואו ער שמועסט אויס די פינף כללים פון קביעות עתים לתורה.

דער פינפטער כלל זאָגט דער תפארת ישראל: **"החמישי, ואפשר עוד דכלל תנא במילת קבע לשון חטיפה, כמו היקבע אדם אלוקים".** די פּשוט'ע פּשט פון 'קבע' איז צו אָנהאַלטן אַ 'קביעות', אָבער 'קבע' קען אויך האָבן אַן אַנדערע אָפּטייטש; ס'קען מיינען 'כאַפּן', ווי די גמרא זאָגט אין מסכת ראש השנה (כו, ב) אַז אַמאָל איז איינער געקומען צו דעם אמורא לוי און אים געזאָגט: 'קבען פלניא'. אָבער לוי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט צו זאָגן, ביז די חכמים אין בית המדרש האָבן אים ערקלערט אַז דער מענטש זאָגט אַז איינער האָט אים באַ'גנב'ט און ער נוצט דאָס וואָרט 'קבע', וואָס איז די זעלבע לשון פון דעם פּסוק 'היקבע אדם אלקים' (מלאכי ג, ח).

## גנב'ע זיך אַרויס פון אַלע טרדות צו גיין לערנען

און דער תפארת ישראל איז מסביר; ווי קומט אַריין 'כאַפּן' לגבי קביעות עתים לתורה?! **"ורוצה לומר, מדצרכי הגוף מרובים, לכן דבר רגיל הוא שכשיישב ללמוד, יזדמנו לפניו ביטולים"** - וויבאַלד ס'איז דאך באמת דאָ אַזויפיל צרכים, דער מענטש האָט אַסאַך טרדות וואָס ער מוז מסדר זיין, דעריבער איז זייער אַ נאָרמאַלע זאַך אַז ווען ער זעצט זיך לערנען קומט אים אונטער ביטולים וואָס ער דאַרף ערלעדיגן.

**"לכן יחטוף את עצמו בחזקה מבין המון טרדותיו וילך למקום צנוע שאי אפשר לבוא שם עליו ביטולים והבא לטהר מסייעין לו".** - דער מענטש דאַרף דערפאַר זיך אַרויס'גנב'ן פון אַלע זיינע פילע טרדות און גיין צו אַ רואיגע ווינקל וואו ס'איז נישט דאָ קיין ביטולים.

## דער שוואָגער וואָס איז נעלם געוואָרן אינמיטן דער חתונה...

דער תפארת ישראל רעדט דאָ וועגן אַוועקלויפן פון טרדות און ביטולים. אין אַנדערע ספרים (שערי תשובה' (או"ח סימן קנו סק"ב) בשם הגה"ק **בעל ה'הפלאה'** זצ"ל) שטייט דעם זעלבן טייטש אַז 'קביעות עתים' מיינט אַז **מ'דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן צייט פאַר'ן לערנען.** מען מוז גנב'ן פון דער אייגענער צייט כדי צו קענען אָנהאַלטן דעם קביעות עתים.

אַמאָל קען מען באַמערקן ביי אַ משפּחה שמחה אַז איינער פון די שוואָגערס איז נעלם געוואָרן אינמיטן די סעודה, און אינמיטן טאַנצן איז ער צוריק נולד געוואָרן אין זאַל... קיינער ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען. **ער האָט פּשוט געענדיגט זיינע סדרים**

**פון תורה.** וואָס האָט ער געקענט טון?! **ער מוז דאָך האָבן זיין שיעור פון תורה! דאָס איז זיין לעבן!** ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה נאר צו אַריינכאַפּן און באַגנב'ן פון זיין צייט, ווייל אויב נישט, איז אַלעמאָל דאָ אַ תירוץ פאַרוואָס יעצט קען מען נישט לערנען. ווי דער תפארת ישראל זאָגט, אַז ס'איז באמת פאַרהאַן אַזויפיל זאַכן אויף אַ מענטש'נס קאָפּ און דערפאַר **איז נישטאָ קיין אַנדערע אויסוועג נאר צו גנב'ן פון אַנדערע וויכטיגע זאַכן**, אַמאָל דאַרף מען אַראָפּכאַפּן פון דעם שלאָף, אַמאָל פון טרדות, און זיך זעצן לערנען.

## תורה וואָס קומט אָן שווער איז אַ ספּעציעלע מתנה

אָט די נקודה, אז מ'דאַרף אַראָפּכאַפּן צייט אין אַלע אומשטענדן, איז בעצם דער גרויסער יסוד וואָס **חז"ל** לערנען אונז: (ילקוט שמעוני קהלת רמז תתקסח) **'תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי'**. ווען ס'קומט נישט אָן גרינג פאַר'ן מענטש און ער רייסט פון זיך כדי צו לערנען גייט די תורה אַריין זייער טיף ביי אים. דאָס האָט צוטון מיט דעם 'איכות', **לפום צערא - אגרא.** וואָס איז די אגרא?! די שכר איז אַז די תורה ווערט באמת איינגעקריצט אין דעם מענטש!

דער אויבערשטער ווייסט דאָך ווי שווער ס'איז געווען פאַר אים, און דער רבוש"ע זאָגט: "די תורה איז אַזוויי אַ קנין, אויב דו לייגסט זיך אַריין אין תורה טראָצדעם וואָס ס'איז דיר אָנגעקומען שווער צו זיצן און לערנען, וועסטו אַסאַך שטאַרקער קונה זיין די קדושה פון תורה".

דאָס איז איינס פון די וויכטיגסטע יסודות וואָס אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל חזר'ן און געדענקן. **ער זאָל פאַרשטיין אַז ווען דאָס לערנען קומט אָן שווער, איז דאָס אַ מתנה!**

## דורך התעצמות בתורה וועסטו טרעפן דעם רבוש"ע

דער **אור החיים הק'** ביי די פּרשה פון קבלת התורה אויפ'ן פסוק 'בחודש השלישי' זאָגט אַז די ערשטע יסוד וואָס פאָדערט זיך צו קענען מצליח זיין אין תורה איז צו האָבן 'התעצמות', מ'זאָל זיך מתייגע זיין בעסק התורה און לוחם זיין קעגן די עצלות אפילו ווען ס'קומט אָן שווער.

מ'קען לערנען דעם שטיקל אור החיים הק' אויבערפלעכליך, אַז מ'דאַרף זיך פּלאָגן אויף לערנען, אָבער מען כאַפּט נישט אַז דאָ ליגט אַ טיפער יסוד, אַז דו דאַרפסט אָנקומען צום דעם רבוש"ע וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער תורה!

דער אור החיים הק' זאָגט נישט אַז מ'דאַרף זיך אָנשטרענגען ווייל אויב דו וועסט זיין עצלן וועסטו קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס לערנען, און אויב דו וועסט האָבן ביטולים וועסטו קיינמאָל נישט לערנען. **דאָ שטייט עפּעס אַסאַך טיפער אין דעם אור החיים הק'**: ווען מיר לערנען תורה זוכן מיר דאָך דעם רבוש"ע וואָס ליגט אין דער תורה. **דער אויבערשטער אַליין האָט זיך פאַרקויפט צוזאַמען מיט זיין תורה.** און ווען מ'דאַרף זיך אָנשטרענגען צו גיין לערנען טרעפט מען דעם רבוש"ע וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער תורה.

## דוקא ווען ס'איז שווער באַקומט מען דעם אור התורה

אויב אַ מענטש לערנט און ס'קומט אים אָן גרינג, דעמאָלט גייט נישט אַריין אין אים גענוג שטאַרק דער חלק פון אלוקות, ווייל ער לערנט בלויז דעם לבוש פון דער תורה.

דוקא אַזאַ איינער וואָס ס'איז אים שווער און ער איז לוחם מיט זיך אליינס כדי צו לערנען, אפילו אויב בכמות איז זיין לערנען ווייניג צייט, **אָבער באיכות האָט עס אים געקאָסט אַן אמת'ע יגיעה בינו לבין קונו**, ס'איז אים געווען שווער יעצט זיך צו זעצן לערנען; זיין האַרץ האָט אים געצויגן צו גיין ערלעדיגן אַנדערע זאַכן; ער האָט נישט געהאַט קיין נערוון צום לערנען, און ער האָט זיך געקריגט מיט זיך: "איך גיי יעצט יאָ לערנען!". **אַזאַ סאָרט לערנען איז אונז משפיע די פנימיות פון דער תורה!**

דער מענטש באַקומט דעם אור וואָס ליגט אין די תורה, און דאָס ברענגט אַז מ'זאָל זוכה זיין אָן קיין גבול צו די כסף וזהב, די שדות וכרמים, און אַלע גוטע זאַכן וואָס ליגט באַהאַלטן אין תורה. עס ברענגט אַ מורא'דיגע שיין פון קדושת התורה אויפ'ן מענטש. **טאַקע וויבאַלד ס'איז געווען אַ 'תורה שלמדתי באף'!** דערפאַר מוז אַמאָל זיין אַזאַ סאָרט 'קביעת עתים לתורה', פון זיך אַליין באַגנב'ן צייט ווען מ'איז אָנגעשטרענגט.

## דאָס חשיבות פון זיך אָוועקרייסן און גיין לערנען

אַ געוועינליכער מענטש, וואָס איז טרוד על המחי' ועל הכלכלה, און האָט ב"ה אַ משפחה, און האָט ב"ה שמחות פון קרובים וידידים, מיט אַלע ערליי טרדות פון פאַרשידענע זאַכן וואָס קומען כסדר אַרויף, לויפט ביי אים דורך אין מח מינימום איינמאָל אַ וואָך: "איך מיין אַז היינט גיי איך נישט קענען קומען צום שיעור". דאָס איז לכה"פ איינמאָל אַ וואָך, און אַסאַך מאָל נאָכמער ווי דעם.

אַסאַך מאָל טראַכט דער מענטש: "איך זעה נישט אַז ס'גייט קענען בכלל אַרבעטן היינט דאָס לערנען". ער האָט נאָר אַ ספק צי ער זאָל אָנרופן זיין חברותא אַ שעה אַרום ווען ס'איז שוין זיכער אַז ער גייט נישט קענען אָנקומען, אָדער זאָל ער דאָס שוין יעצט מודיע זיין, אַז ס'גייט זיך נישט אויסאַרבעטן היינט...

אָבער אויב דער מענטש זאָגט צו זיך אַליין: **"לאָמיר זען וואָס מ'קען דאָ טון! לאָמיר עס יאָ מאַכן אַרבעטן! כ'וועל רוקן זאַכן אַהין און אַהער און כ'גיי יאָ אַריינשטופּן דאָס לערנען"**. אָט די זאַך איז איינס פון די שטאַרקסטע אופנים פון התעצמות בעסק התורה!

ב

# בימים ההם בזמן הזה; תורה מיט מסירות נפש אַמאָל און היינט

## 'תורה שלמדתי באף' פון די ראשונים כמלאכים

מיר דאַרפן זיך צוגעוואוינען אַז דער כלל פון 'תורה שלמדתי באף' האָט אַסאַך צורות. **בדרך כלל האָבן מיר דעם אַלטן בליק אין קאָפּ, אַז תורה שלמדתי באף מיינט בלויז דער גרויסער תלמיד חכם וואָס זיצט דריי אַזייגער אינמיטן די נאַכט און האָרעוועט שעות על גבי שעות בתורה.** 'תורה שלמדתי באף הוא שעמדה לי', מיינט ביי אונז דוקא אַזעלכע חידושי תורה וואָס זענען נתחדש געוואָרן מיט אַמאָליגע מושגים פון מסירת נפש. פאַרוואָס האָבן מיר דעם ציור? ווייל מ'הערט אַסאַך מאָל אַזעלכע סאָרט מעשיות, און ס'איז אודאי טאַקע דאָ אַזעלכע מעשיות.

אין **ספרים** ווערט געברענגט (עי' ספר דברי תורה - מונקאטש ח, לא) אַז די לאַנגע תוספות אין פרק מרובה פון מסכת בבא קמא (עו, א), האָבן די הייליגע בעלי התוספות געשריבן אין תפיסה, **אַ נאַכט איידער זיי זענען אומגעברענגט געוואָרן על קידוש ה'.** זיי האָבן געוואוסט אַז אינדערפרי גייט מען זיי הרג'ענען, און יענע נאַכט האָבן זיי געלערנט די שווערע סוגיות און אָפּגעשריבן די לומדי'שע תוספות אונטער אַזעלכע ביטערע אומשטענדן, און צומאָרגנס זענען זיי טאַקע אומגעקומען עקד"ה.

ס'ווערט פאַרציילט אַז דער הייליגער **פני יהושע** איז געזיצן און געלערנט אין די פראָסטיגע ווינטער קעלט, נישט האָבנדיג קיין האָלץ צו אָנוואַרעמען די שטוב, אויף אַזוי ווייט אַז פון די פראָסטן איז די האָר אַרום זיינע ליפּן געוואָרן פאַרפרוירן און ער האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל, ביז דער שמש האָט אים געדאַרפט ברענגען הייסע וואַסער צו אויפלאַזן זיינע האר אַז ער זאָל קענען ווייטער לערנען. אַזוי פאַרציילט מען אויך אַז דער הייליגער **טורי זהב** האָט געשריבן זיין חידושים מיט בלוט פון זיין האַנט אויף די וואַנט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַפּיר און קיין טינט פון גרויס אָרימקייט.

## 'תורה שלמדתי באף' מיינט נישט בלויז די אַמאָליגע מושגים

דאָס זענען דוגמאות פון 'תורה שלמדתי באף' אויף אַזעלכע מדריגות וואָס מיר האָבן נישט קיין שום השגה דערינען. אַזוי איז דאָ אומצאָליגע סיפּורים פון צדיקים וואָס האָבן זיך ממש מוסר נפש געווען אויף לימוד התורה. **אָבער נישט בלויז דאָס מיינט 'תורה שלמדתי באף'!**

ס'איז אַ גרויסע טעות אַזוי צו טראַכטן, ווייל אויב מען האָט בלויז דעם סאָרט בילד פון אַמאָליגע יגיעת התורה אין קאָפּ, דעמאָלט מאַכט זיך דער מענטש אַ חשבון אַז די גאַנצע סוגיא האָט נישט קיין שייכות צו אים, ער שטייט דאָך אפילו נישט נאָנט צו אַזעלכע סאָרט מדריגות.

## דער חילוק פון 'שאגת אריה' און 'טורי אבן'

דאָס זעלבע איז לגבי דעם סיפּא פון דעם זעלבן מאמר חז"ל: 'היא שעמדה לי'. הגאון רבי **ברוך בער לייבאוויץ** זצ"ל בעל ברכת שמואל האָט נאָכגעזאָגט בשם רבו **הגר"ח מבריסק** זצ"ל, אַז פון די ספרים פון דעם **שאגת אריה** קען מען זען דאָס חשיבות פון לימוד התורה מתוך הדחק. ווייל ווען ער האָט געשריבן זיין ערשטע ספר 'שאגת אריה' האָט ער נאָך געוואוינט אין וואָלאָזשין, וואו ער האָט געליטן פון אָרימקייט, הונגער און נויט, אָבער ווען דער ספר איז ערשינען האָט דאָס געמאַכט אַ מורא'דיגער רעש אין דער וועלט פון די לומדים.

ווידעראום דער ספר טורי אבן האָט ער געשריבן אין אַ שפּעטערע תקופה, ווען ער איז שוין געווען רב אין דער שטאָט מיץ, וואו די קהלה האָט אים אויסגעהאַלטן מתוך עושר והרחבה. און דער בריסקער רב האָט געזאָגט אַז מ'קען דאָס נישט מדמה זיין צום ספר שאגת אריה וואָס איז אויף אַן אַנדערע דרגא בכלל, ווייל ס'איז געלערנט געוואָרן מתוך הדחק.

## 'הוא שעמדה לי' איז אויך שייך בימינו אלה

בדרך כלל, ווען מיר טראַכטן פון דעם מאמר חז"ל 'תורה שלמדתי באף' לייגן מיר דאָרט אַריין אַזעלכע מושגים פון שאגת אריה, טורי זהב, און פּני יהושע. **אָבער דאָס איז נישט אמת!** ווייל 'הוא שעמדה לי' מיינט נישט בלויז אַז מ'איז זוכה צו קענען מחבר זיין אַ ספר וואָס איז עולה על שלחן מלכים און ס'ווערט נכסי צאן ברזל ביי אַלע לומדים, דאָס איז טאַקע איין סאָרט 'הוא שעמדה לי'.

אָבער 'הוא שעמדה לי' איז אויך טייטש אַז **דער מענטש איז אָנגעקומען צו אַ נאָענטקייט מיט'ן רבוש"ע.** דער איד האָט זוכה געווען אַז **די תורה וואָס ער האָט געלערנט האָט אים צוריקגעהאַלטן בעת נסיון**, ס'האָט זיך ביי אים אָפּגעשפּילט אַ 'תורה מגנא ומצלא'! ער ווייסט זייער גוט אַז די תורה האָט אים ממש געראַטעוועט היינט! אַדאַנק די תורה האָט ער געהאַט די כוחות צו מאַכן די ריכטיגע החלטה און בלייבן ערליך, ער האָט בוחר געווען בטוב בעת נסיון, און ער ווייסט זייער גוט אַז בעבר האָט זיך עס שוין אויסגעלאָזט אַנדערש.

אויף אַזאַ מציאות זאָגן אונז חז"ל: 'תורה שלמדתי באף הוא שעמדה לי', **זאָלסטו וויסן, אַז אויב האָסטו געלערנט תורה ווען ס'איז דיר אָנגעקומען שווער, איז עפּעס אַריין אין דיר טיף!** זעהסט דאך אַז ווען ס'איז דיר אונטערגעקומען אַ נסיון נאָכ'ן לערנען האָסטו בוחר געווען בטוב, וויאַזוי האָסטו עס געקענט באַווייזן?! דו ביסט דאך אַליין עדות ווי שטאַרק דער יצר הרע אַרבעט, ער נעמט דאך איבער דעם מענטש און מאַכט אים משוגע און פאַרדרייט. **וויאַזוי האָסטו יאָ געהאַט דעם כח זיך מתגבר צו זיין?!** נאָכמער, בדרך כלל ווען אַ מענטש ווערט עלטער, איז ער שוין צוגעוואוינט צו זיינע אַלטע פּראָבלעמען און אין אַ געוויסן זין האָט מען שוין ווייניגער כוחות זיך צו שלאָגן מיט'ן יצר, **דו וואָלסט זיך שוין געדאַרפט נאָכלאָזן, וויאַזוי האָסטו געהאַט די שטאַרקייט צו גיין קעגן דיין הרגל?!** די תירוץ איז אַז די תורה האָט אַ כח, וועלכע תורה?! אַ 'תורה שלמדתי באף'!

## אין אונזער תקופה האָבן מיר אַנדערע סאָרט שוועריגקייטן

'תורה שלמדתי באף' איז טייטש אַז לויט דיינע נסיונות האָסטו זיך אָנגעשטרענגט און זיך געזעצט לערנען. **יעדער איינער האָט אַ ליסטע פון זאַכן וואָס האַלטן אים צוריק פון לערנען תורה.** מיר האָבן ב"ה נישט די סאָרט שוועריגקייט פון לערנען אין די פראָסטן אינמיטן דער נאַכט, אַז די האָר אַרום די ליפּן ווערן פאַרפרוירן; מיר האָבן ב"ה נישט די סאָרט אָרימקייט אַז מ'הונגערט; מיר האָבן נישט דעם מושג פון לערנען מיט מסירת נפש וואוסנדיג אַז מ'גייט מאָרגן גע'הרג'ט ווערן עקד"ה. די סאָרט תורה שלמדתי באף וואָס איז געווען אַמאָל האָבן מיר שוין נישט.

אָבער **אוי האָבן מיר תורה שלמדתי באף!** מיר האָבן דאָס 'כפול שמונה' אין אַנדערע תחומים וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען! היינט האָבן מיר אַזויפיל סאָרט זאַכן וואָס שטערן דעם מענטש פון אַלע זייטן, און מ'דאַרף נעמען אין חשבון אַז **דאָס איז די הונגער פון אַמאָל, דאָס איז די פאַרפרוירענע קעלט פון אַמאָל**, ס'איז נאָר אויף אַן אַנדערע צורה.

היינט דאַרף מען זיך אָנשטרענגען צו לערנען אינמיטן די אַלע טרדות וואָס צענעמען באמת דעם קאָפּ. דער מענטש האָט אַזויפיל זאַכן וואָס ליגט אים אויפ'ן מח, **ער איז נישט מצליח זיך צו קאָנצענטרירן אפילו בלויז צו אויסהערן וואָס מ'רעדט צו אים**, שוין אָפּגערעדט ווען ס'קומט צו האָרעווען און מחדש זיין. ער קען נישט זיצן אויף צוויי מינוט ביי אַ ספר, ווייל דער מח לויפט אים צו הונדערט אַנדערע זאַכן.

## אחד המרבה ואחד הממעיט

דאָס איז איין סאָרט תורה שלמדתי באף, דער חלק פון זיך קאָנצענטרירן ביים לערנען. אָבער אויסערדעם איז דאָ אַ שוועריגקייט בלויז זיך צו אויסשאַלטערן פון אַלעס און זיך זעצן ביי דער גמרא. **ס'איז אַן עבודה קשה דאָס עצם קומען אין בית המדרש און אָפּלאָזן אַלע טרדות**, און שפּעטער דאַרף מען זיך קריגן מיט זיך אַליין אַז דער מח זאָל זיין דערביי, מ'זאָל פאַרשטיין די קשיא און די תירוץ.

ס'קען אַמאָל זיין אַ איד וואָס האָט טאַקע בלויז געלערנט איין משנה, אָבער דאָס איז געקומען נאָכדעם וואָס ער איז דורכגעגאַנגען היינט אַזעלכע טרדות, **ער האָט געמוזט ממש מלחמה האַלטן מיט זיך אַליין צו לערנען יעדע שטיקל פון דער משנה.** דעריבער קען דאָס זיין חשוב - לגבי דעם חלק פון 'תורה שלמדתי באף' - פּונקט ווי אַ צווייטער וואָס לערנט דריי שעה אינמיטן דער נאַכט. דער רבוש"ע ווייסט וואָס טוט זיך אין דעם מענטש'נס האַרץ!

דאָס איז טייטש 'אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים'. די תורה זאָגט אונז אַז ס'האָט נישט צו טון מיט כמות! **ס'איז בעיקר תלוי אין דיין האַרץ!** ווען אַ מענטש זעצט זיך אַוועק און זאָגט: "אַ מכה אַלע זאַכן וואָס כ'בין היינט אַריבערגעגאַנגען, איך גיי מיך יעצט זעצן לערנען בעז"ה. איי ס'שטימט דאָך נישט אַז כ'זאָל יעצט קענען לערנען?! אָבער איך גיי סייווי לערנען!".

וואָס האָט יעצט דער איד געטון?! ער האָט געמאַכט אַ ריכטיגע 'תורה שלמדתי באף' און **דאָס גייט זיין מגנא ומצלא!** ס'גייט אים אָפּהיטן!

## אָן אַראָפּכאַפּן פון די טרדות איז אוממעגליך צו האָבן קביעות עתים

אָט די אָפּטייטש אין קביעת עתים לתורה, אַז דאָס מיינט אַראָפּ'גנב'ן פון דער צייט און טרדה, איז נישט קיין 'דרך דרש', נאר ס'איז די אמת'ע דרך פּשט. ס'איז נישט בלויז אַ שיינע פּשט'ל, ווייל מ'האָט געטראָפּן אַ לשון אין חז"ל אַז קבע מיינט חטיפה, נאר ס'איז פּשוט פּשט אַזוי, ווייל **טאָמער דער מענטש האָט נישט די שטאַרקייט צו גנב'ן פון זיין צייט און טרדות, דעמאָלט גייט ער קיינמאָל נישט האָבן קיין קביעות!**

מעגליך אַז אַמאָליגע צייטן איז עס יאָ געווען שייך. ווען אַ איד האָט זיך געוואוינט אין זיין דערפל און האָט גאָרנישט געהאַט אויסער זיינע קיען, האָט ער געקענט זיך קובע זיין יעדן אינדערפרי און ביינאַכט צו קומען לערנען בקביעות. אָבער היינטיגע צייטן איז דאָך דער מענטש אַרומגענומען מיט אַזויפיל ביטולים 24 שעה אין טאָג!

גאָר אַסאַך מענטשן וואָס געפינען זיך אין די ביזנעס וועלט אָדער וואָס זענען עוסק בדבר מצוה האָבן עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע לענדער, וואו די זייגער לויפט מיט אַסאַך שעות אָפּגערוקט, און מ'דאַרף רעדן אויפ'ן טעלעפאָן אַהין ווען דאָ איז אינמיטן די נאַכט. אפשר טאַקע נישט ממש יעדן טאָג, אָבער ערגעץ וואו קומט אויס אַז מ'דאַרף זיין בקשר מיט מענטשן וואָס די צייט איז דאָרט גאָר אַנדערש. דער מענטש זאָגט: **"ס'איז פּשוט נישט מעגליך אַז איך זאָל אויפשטיין פרי, ווייל איך דאַרף וואַרטן ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט, בלויז דעמאָלט קען איך קלינגען קיין אויסלאַנד"...**

## דורך זיך מתגבר זיין באַקומט מען אַן אמת'ע קנין התורה

דאָס איז בלויז איינס פון טויזנטער ביישפּילן וויאַזוי די היינטיגע מציאות נעמט אַרום דעם מענטש מיט אַזויפיל ביטולים, און **בלויז ווען אַ איד רייסט זיך אָפּ פון די אַלע זאַכן דעמאָלט קען ער אָנקומען צו אַ שטיקל קביעות עתים.** אויב ער טוט דאָס נישט, איז ממש אוממעגליך אַז ער זאָל אַמאָל האָבן אַ קביעות בלימוד התורה. ער דאַרף זיך קריגן פון די וועג און דערנאָך פון די אַנדערע וועג, ביז ער טשעפּעט זיך אָפּ פון אַלע טרדות און קען זיך זעצן לערנען.

ווען אַ איד טוט דאָס, זאָל ער געדענקן אַז דאָס ווערט אָנגערופן 'תורה שלמדתי באף'. ווען דו ביסט שוין געווען זיכער אַז היינט גיי איך נישט קענען לערנען, און דו האסט שוין געהאַלטן דעם טעלעפאָן צו אָנקלונגען דעם חברותא זאָגן אַז דער שיעור וועט היינט נישט פאָרקומען, אָבער דאַן האָסטו מחליט געווען: **"טראַכט עס איבער, אפשר דאָך, כ'וועל רוקן זאַכן אויף אַביסל שפּעטער און אַביסל פריער, כ'וועל מוותר זיין אויף פאַרשידענע זאַכן, און כ'גיי יאָ לערנען."**

ווען דו האסט געמאַכט די החלטה האָסטו יעצט געבערענגט אויף **דיך אַ קנין התורה, אַ דביקות, אַן אהבת ה', אַ תורה מגנא ומצלא, און אַלע דברים נפלאים פון קדושת התורה!** אַזאַ תורה גייט אַריין גאָר טיף, טאַקע וויבאַלד דו האסט זיך געקריגט מיט זיך אַליין, דו ביסט געגאַנגען אין מלחמה כדי צו קענען לערנען די הייליגע תורה!

ג

# לרבות תלמידי חכמים; קביעות עתים לתורה איז שייך אויך פאר כולל יונגעלייט

## בני תורה האָבן די זעלבע כללים

דער כלל איז נוגע פאר יעדן מענטש, **נישט נאר פאר בעלי בתים וואָס זענען קובע עתים לתורה.** אויך דער כולל יונגערמאַן האָט דעם זעלבן נסיון און ער האָט די זעלבע כללים. ס'איז אַ שאָד אַז ווען מ'רעדט וועגן זיך מתגבר זיין אויף קביעות עתים רעדט מען

אַלעמאָל אַזאַ סאָרט שפּראַך כאילו דאָס איז נאָר געאייגנט פאַר בעלי בתים.

מ'רעדט װעגן קביעות עתים װייל אַזױ זאָגן אונז חז"ל (שבת לא, א) אַז מ'גייט פרעגן די שאלה פון דעם מענטש װען ער קומט אַרויף אויבן אין הימל. לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַז מ'װעט אין הימל פרעגן פון אַ כולל יונגערמאַן די שאלה 'קבעת עתים'?! און ער װעט זיך שפּירן געטראָפן: **'איך בין דאָך אַ כולל יונגערמאַן, פאַרװאָס פרעגט מען מיך אויב כ'האָב קובע עתים געװען?!'.** אָבער באמת זענען דאָ די זעלבע כללים אויך ביים כולל יונגערמאַן.

די כללים זענען אַז אַ מענטש דאַרף װיסן אַז די צייטן װאָס ער לערנט איז 'חוק ולא יעבור'! **אויב ער לערנט אין כולל דריי שעה פאַרמיטאָג און דריי שעה נאָכמיטאָג איז דאָס זיין קביעות עתים,** און ער האָט דעם זעלבן נסיון זיך צו אָװעקכאַפּן און זיך אַרויס'גנב'ן פון די טרדות װאָס לאָזן אים נישט לערנען.

## געקומען שפּעט װייל דאָס קינד דאַרף גיין צום דאָקטער...

היינט קען ער נישט קומען צייטליך אין כולל װייל זיין קינד דאַרף גיין צום דאָקטער, און די מאַמע אַרבעט, דעריבער קען זי נישט גיין מיט'ן קינד.

"פאַרװאָס אַרבעט דיין װייב?!" - װאָס הייסט פאַרװאָס? **װייל אַז נישט װעל איך נישט קענען בלייבן אין כולל.** זי קען נישט אָנקומען שפּעט צו דער אַרבעט.

"אָה, און דו קענסט יאָ אָנקומען שפּעט?!"... ער װייסט טאַקע נישט קיין תירוץ, און ער הייבט אָן האָבן אַ דילעמע. אפשר זאָל מען צאָלן פאַר אַ מענטש זאָל נעמען דאָס קינד צום דאָקטער?! אָבער ערשטנס, כ'האָב נישט קיין געלט, כ'בין דאָך אַ כולל יונגערמאַן, צװייטנס, װער גייט מיך טון אַזאַ מאָדנע טובה?!

## מאָדנע מצבים ברענגען מאָדנע פּתרונות

אויף ענגליש איז דאָ אַ װאָרט: "פּאַרצװייפּלטע מצבים, באַשאַפן פאַרצװייפּלטע לעזונגען". דאָס הייסט אַז װען מ'טרעפט זיך אין מאָדנע שװערע מצבים **באַשאַפט דאָס אַזעלכע פּתרונות װאָס געװענליך װאָלט דאָס נישט געקומען אין באַטראַכט.** ס'איז דאָ אַזעלכע סיטואַציעס װען מ'טוט מאָדנע זאַכן װייל דאָס איז די איינציגע לעזונג פאַר אַזאַ סאָרט מצב. אַמאָל זעהסטו אַ מענטש טוט עפּעס אינטערעסאַנט און דו װאונדערסט זיך: װאָס גייט פאַר מיט אים?! - אָה, ער האָט אַ קינד אין שפּיטאָל?! יעצט פאַרשטייט מען שױן.

דאָס זעלבע איז מיט קביעות עתים לתורה: װען אַ מענטש פאַרשטייט אַז ער דאַרף קובע עתים זיין אין אַלע סאָרט מצבים דעמאָלט זאָגט ער נישט: "װאָס זאָל איך טון, כ'האָב נישט געהאַט קיין ברירה", װייל **ער װייסט אַז װען מ'האָט נישט קיין ברירה טוט מען זייער אינטערעסאַנטע זאַכן,** טאַקע װיבאַלד מ'האָט נישט קיין ברירה! מ'דאַרף דאָך קומען יעדן טאָג צום לערנען!

## קיינער איז נישט קיין מלאך

צומאָל קען מען זען אַ יונגערמאַן אין בית המדרש, װאָס ער איז יעדן טאָג צייטליך ביי זיינע סדרים און שיעורים פון לערנען. ער קומט יעדן טאָג אַן פּונקטליך אין כולל און מ'װאונדערט זיך: **זאָג מיר, ער האָט נישט קיין משפּחה מיט קינדער?! װאָס איז די מעשה מיט אים?!** פאַרװאָס ביי מיר איז דאָ 2-3 מאָל אַ װאָך װאָס כ'קען נישט אָנקומען, און ער איז יעדן טאָג אין ביהמ"ד מיט אַזאַ רואיגקייט, ס'קוקט ממש אויס װי ער איז שלא בעלמא הדין.

אַמאָל װאונדערט מען זיך אויף אַ איד װאָס קומט יעדן טאָג אָן צום קביעות'דיגן מנין, אָדער אויף דעם מענטש װאָס קומט יעדע איינציגע נאַכט צו זיין שיעור פון קביעות עתים: **װיאַזױ מאַכט ער דאָס?! ער איז אַ מלאך?! אפשר איז זיין װייב אַ מלאך?! װאָס איז די מעשה?!**

## אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה טרעפט מען שױן אַן אויסװעג

געװענליך איז אַ חלק פון דער תשובה אַז דער איד האָט געמאַכט אין זיין קאָפּ אַ פעסטע החלטה, און בדרך כלל איז דאָס אויך אַן החלטה פון זיין בני בית, אַז **די זאַך פון 'קביעות עתים' איז נומער איינס,** בעפאָר אַלעס אַנדערש אויף דער װעלט! אָבער נישט בלויז אין די ערשטע צען טעג װען די מסגרת הקהלה האָט אָנגעהויבן לערנען אַ נייע מסכתא, נאָר **אויך װען מ'האַלט שױן טיף אַריין אינמיטן די מסכתא איז דאָס געבליבן ביי אים די ערשטע זאַך בעפאָר אַלעם.** און דעריבער טוט ער צומאָל מאָדנע זאַכן.

דער עולם אין ביהמ"ד האָט נישט מיטגעהאַלטן, מ'זעט נאָר װי ער קומט אָן יעדן טאָג מיט אַ רואיגקייט, אָבער װען דו װאָלסט געהערט װאָס דאָ איז פאָרגעקומען פריער, **װאָלסטו זיך צולאַכט הערנדיג מיט װאָס פאַראַ פּתרונות ער איז אַלץ אויפגעקומען כדי צו קענען היינט קומען.** ס'איז נישט פשט אַז ער האָט נישט קיין װייב און קינדער, **ער האָט יאָ, אָבער ער װייסט אויך אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה!** דעריבער טרעפט ער אויס אַלע סאָרט לעזונגען דאָס צו ערמעגליכן.

## יעדער האָט זיך זיינע זאַכן װאו ער שפּענדט געלט

װען אַ מענטש איז זיך מתבונן ביי זיך אַליין װעט ער זען אַז **יעדער איינער האָט געװיסע זאַכן װאָס ביי אים איז דאָס אַ פּרינציפּ** און ער װעט דאָס טון, אפילו אויב ער דאַרף צאָלן דערפאַר אַ טייערן פּרייז.

מ'זעט עס זייער שטאַרק ביי מענטשן װאָס האָבן נישט קיין פּרוטה לפורטה, מ'דאַרף זיי צאַמשטעלן געלט, **אָבער ביי געװיסע תחומים אין לעבן זענען זיי ברייט.** מ'גייט נישט יעצט אַריין אין דער סוגיא אַז אפשר איז דאָס נישט אַלעמאָל אויסגעהאַלטן, נישט דאָס איז די נושא יעצט. די נושא איז דער מציאות, אַז ס'איז דאָ אַזאַ מהלך המחשבה, אפילו דער מענטש איז גאָר שטאַרק מצומצם און געדרוקט פינאַנציעל, און ביי אַנדערע זאַכן װייסט ער אַז כ'האָב נישט דאָס געלט דערויף, אָבער **װען ס'קומט צו דעם ספּעציפישן תחום זעט ער נישט דעם 'ניין' בכלל אַלס אַן אָפּציע.**

צום ביישפּיל איז דאָ משפּחות װאָס די קליידער פאַר די קינדער מוז קלאַפּן הונדערט פּראָצענט, און דאָס איז נומער איינס. ס'איז נישט משנה װאָס אַלץ װעט אַריינגיין אין דעם כדי עס צו מאַכן קלאַפּן. **די ערשטע זאַך דאַרפן די קינדער זיין אָנגעטון קלאַסיש, און נאָכדעם װעט מען זען װייטער װאָס צו טון מיט געלט...** ביי זיי אין מח איז דאָ אַזאַ החלטה אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע אויסװאַל אפילו.

## קיינער הונגערט נישט און קיינער האָט נישט קיין לאַטעס...

באמת איז דאָס געװאָרן אַ סטאַנדאַרט ביי אַסאַך תחומים אין לעבן. מ'זעט דאָך אַז טראָצדעם װאָס אַסאַך מענטשן האָבן נישט קיין געלט **װעט מען ב"ה נישט טרעפן ביים היימישן ציבור קיין מענטשן װאָס הונגערן.** דער עולם עסט בליעה"ר מיט אַ שפע. מ'דאַרף דרוקן אַסאַך בענטשער'ס מיט על המחי' זאָגערלעך... װאָס איז די סיבה?! װייל מ'װייסט אַז װען ס'קומט צו דעם תחום פון עסן איז נישט קיין חילוק װיפיל געלט מ'פאַרמאָגט.

אַזױ איז עס אויך ביי אַנדערע זאַכן אין אונזער לעבנס שטייגער. היינט קען מען נישט טרעפן קינדער װאָס גייען אַרום מיט לאַטעס אויף די הויזן. **מיט נישט אַזױפיל יאָר צוריק איז עס געװען אַ נאָרמאַלע ערשיינונג אַז װען די הויזן האָבן זיך צעריסן האָט מען געלייגט אַ לאַטע,** אָבער קיינער טוט דאָס שױן נישט היינט. אַלע זענען אַריין אין דעם גדר פון 'כמנהג בעלי בתים חשובים'...

## תורה דאַרף אַריינגיין אין דער ליסטע פון זאַכן װאָס מ'טוט אָן קיין תירוצים

דאַרף מען אָבער װיסן אַז בעלי בתים חשובים זענען אויך קובע עתים לתורה... װען אַ מענטש לייגט זיך אַריין אין תורה אויף אַזאַ סאָרט אופן; **ער איז מחליט צו האָבן אַ קביעות עתים אָן קיין תירוצים,** און ער טוט אפילו מאָדנע זאַכן כדי צו קענען אָנהאַלטן זיין לערנען, זאָל ער װיסן אַז ערשטנס: **דאָס איז תורה שלמדתי באף!** צװייטנס, **דער רבוש"ע מאַכט פאַר אַזאַ איד נסים ונפלאות אַװעקצונעמען זיינע טרדות און זיינע פּראָבלעמען,** װייל 'כל המקיים את התורה מעוני, סופה לקיימה מעושר'.

אייגנטליך איז טרדות איין סאָרט שװעריגקייט, ס'איז דאָ מענטשן װאָס האָבן אויך אַ שװעריגקייט אַז זיי קענען זיך נישט קאָנצענטרירן; אַנדערע האָבן אַ פּראָבלעם אַז זיי פאַרשטיין נישט דאָס לערנען; ס'איז דאָ אַמאָל װאָס דער מענטש איז זייער מיד אָדער ער האָט נישט קיין פּאַסיגע חברותא; אָדער ער איז אויסער זיך פון אַזױפיל זאַכן װאָס ליגט אויף זיין קאָפּ, ער װייסט נישט װאו ער געפינט זיך אפילו.

**װי חשוב איז װען אַזאַ איד נעמט אַרויס אַ ספר און לערנט עטליכע מינוט צו װערן נאָענט מיט'ן רבוש"ע.** עס גייט אים גאָרנישט אָן, ער זאָגט די װערטער פון די תורה. אַמאָל זאָגט ער תהלים װאָס איז אַזױװי נגעים ואהלות. אודאי דאַרף מען פּרובירן צו לערנען, אָבער אַז ער האָט נישט קיין ברירה זאָגט ער: לאָמיר זאָגן תהלים לשם לימוד התורה. ער לערנט עטליכע פּסוקים חומש רש"י, ער לערנט אַ חסידיש ספר, **ער פּרובירט לערנען װאָס ער קען נאָר.**

'תורה שלמדתי באף' װערט גערעכנט לויט די שװעריגקייט װאָס דער אויבערשטער װייסט אין װאָס פאַראַ מצב דו ביסט. **אַזאַ תורה האָט דעם כח צו ברענגען דעם מענטש נאָענט צום רבוש"ע און צו באַקומען דעם אויבערשטן אַליין,** װאָס האָט זיך אַריינגעלייגט כביכול אין דער תורה.

## די שורש פון קביעות עתים איז בטחון

לאָמיר נאָר אויספירן מיט אַ װיכטיגע דערהער: דער מושג אַז װען אַ איד געפינט זיך אין אַ מצב פון ענגשאַפט, ער װייסט נישט װאו זיך אַהינצוטון און ער איז מחליט אַז די לעזונג װאָס ער גייט טון דערצו איז אַז ער װעט זיך יעצט אַראָפּזעצן לערנען אַ בלאַט גמרא, **זאָל ער װיסן אַז דאָס איז פון די שטאַרקסטע יסודות פון בטחון.** לייג דיך אַריין די הגדרה ביי דיר איינקאָפּ!

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?! ווייל ווען דו ביסט זיך מרגיל אין דיין מח אַז די עצה/ די לעזונג/ די גאולה פאר מיר קומט פון רוחניות, אין אדם שומע לי ומפסיד. **איך וואָלט געקענט יעצט גיין אין באַנק אָבער אַנשטאָט דעם בין איך געגאַנגען צו דער גמרא**, טראַכטנדעם וואָס כ'קען זיך נישט אַזוי גוט קאָנצענטרירן, טראָצדעם וואָס איך בין יעצט אין אן עת צרה, טראָצדעם וואָס כ'דאַרף יעצט מאַכן די החלטה יאָ צו קומען לערנען אין דעם זמן הקבוע און נישט גיין ערלעדיגן דעמאָלט די גאָר וויכטיגע זאַכן.

איז די שורש הדברים דערפון נישט בלויז 'קביעות עתים לתורה', נאר **די שורש וואָס ליגט דאָ איז אַז איך בין בוטח אין דעם רבוש"ע**, אַז אויב ער האָט מיך געהייסן גיין צו רוחניות, איז דאָס די וועג וויאַזוי מ'ווערט געהאָלפן!

## אַנטלויפן צו דער תורה ווייל נאר רוחניות קען העלפן

דעריבער איז עס נישט אַלעמאָל תלוי אין כמות. דער מענטש פרעגט: "וויפיל גיי איך שוין אָניאָגן? וואָס גייט פינף מינוט לערנען אויפטון?", דו פאַרשטייסט נישט. **די עיקר איז דיין החלטה אין מח!** ס'איז די מעסעדזש וואָס דו זאָגסט צו זיך אַליין אַז רוחניות גייט דיך העלפן.

וויפיל מער מען טוט דאָס, אַזויפיל שפּירט מען עס מער, און **דאָס ווערט ממש אַ חלק פון דעם הרגל פון דעם מענטש אַז דאָס איז די וועג וויאַזוי מ'קען אָנקומען אין לעבן**. ווען דער דאָקטער האָט געזאָגט כך וכך, וואָס איך קען יעצט טון דערוועגן איז צו גיין לערנען!

אַ איד גייט מאַכן שבת שבע ברכות און ער דאַרף צושטעלן אן אכסני' פאר דעם מחותן. ס'איז שוין מיטוואָך נאָכמיטאָג און ער האָט נאָך גאָרנישט. ער איז שוין אויס - מענטש ווייל ס'גייט זיין ממש בזיונות. האסט שוין געזוכט?! געוואַלדיג, **יעצט זוך ווייטער, אָבער נישט דאָרט וואו דו האסט געזוכט ביז יעצט, נאר אין דעם ספר!**

וויפיל דו וועסט זיך מרגיל זיין אַז ווען דו טרעפסט זיך אין אַזעלכע שווערע ווינקלעך, כאַפּסטו אַראָפּ פינף מינוט זיך צו זעצן לערנען און דאָס ברענגט דיר דיין לעזונג, **ביסטו דורכדעם זיך בוטח אין דעם רבוש"ע**. דו האסט דערהערט אַז אין די תורה ליגט אַלע גוטע זאַכן, שדות וכרמים, כסף וזהב. **אַזוי ווערט אַ מענטש אמת'דיג צוגעבינדן צום רבוש"ע** און דורכדעם מאַכט ער אַ משכן וואו דער אויבערשטער קען רוען. ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחד!

# נקודה למחשבה

## על בריתך שחתמת בבשרינו; יעדער איד האָט אַן אויסטערלישע פּאָטענציאַל

ליל שישי פרשת לך-לך י' חשון תשפ"ג

### די הימלישע כריתת ברית מיט יעדן איד

ביים סוף פון פרשת לך שטייט אין די פסוקים אַז דער רבוש"ע האָט געגעבן פאַר אברהם אבינו די מצוה פון מילה, פאַר אים און פאר זיינע קינדער לדורות. די מצוה פון מילה ווערט אָנגערופן 'ברית', וואָס איז אַ לשון פון אַ בונד. דאָס איז אַ כריתת ברית וואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעקריצט אין יעדן איד אן 'אות' אַז ער איז אַזוי נאָנט און ממש איינס מיט השי"ת.

וואָס איז טייטש ווען צוויי מענטשן זענען כורת ברית?! אַז איינער זאָגט פאַר'ן צווייטן: **"אפילו ס'וועט מיר זיין שווער וועל איך קיינמאָל גיין קעגן דיר"**. דאָס איז די באַדייט פון אַ תקיעת כף צווישן צוויי: "איך וועל קיינמאָל נישט דערציילן דעם סוד, אפילו אויב מ'וועט מיך פייניגן. דער סוד גייט נישט אַרויס פון מיין מויל, ווי שווער ס'זאָל נאר זיין". דאָס איז די באַדייט פון אַ כריתת ברית.

דאָס זעלבע האָט דער רבוש"ע אַריינגעשטעלט אין דער וועלט אַז ס'איז דאָ אַסאַך שוועריגקייטן, אָבער **אַ איד פאַרשטייט אַז ער האָט כורת ברית געווען מיט'ן רבוש"ע!** ווי שווער ס'זאָל נאר זיין וועט ער אַרבעטן אויף אַלע אופנים צו בלייבן אַ ריינער און אַ הייליגער איד. ער וועט דאַווענען דערויף, ער וועט גודר זיין גדרים אַלעמאָל, ער וועט מוסיף זיין אין תורה, כדי ס'זאָל אים געבן כח זיך מתגבר צו זיין. ער וועט טון אַלעס וואָס פאָדערט זיך, ווייל ער האָט כורת ברית געווען מיט'ן רבוש"ע, און כביכול השי"ת פון זיין זייט וועט אים טאַקע אויך געבן גרויסע געוואַלדיגע כוחות.

### מיר זענען מקיים מצוות מילה נישט בלויז ווען מ'מאַכט אַ ברית פאַר'ן קינד

בדרך כלל, **ווען טראַכט אַ מענטש פון די מצוה פון ברית מילה? ווען דער אויבערשטער איז אים מזכה און ער איז זוכה צו מאַכן אַ ברית מילה פאר זיין קינד**. דעמאָלט הייבט ער זיך אן אינטערעסירן אויב ס'איז דאָ אַ ספר אָדער אַ שיעור אויף ברית מילה. ער האָט זיך דערמאַנט אַז ס'איז דאָ אַזאַ מצוה.

ס'איז אָבער אַ גרויסע שאָד. אודאי איז זייער חשוב זיך צוצוגרייטן בעפאָר מ'איז מקיים אַ מצוה, געבענטשט זאָל ער זיין. אָבער **דעמאָלט דערמאַנט ער זיך?!** דעמאָלט איז עס בלויז אַ תוספות דבר, **די מצוה זענען מיר מקיים אַגאַנץ לעבן**, ווי מיר זאָגן יעדן טאָג ביי ברכת המזון: 'ועל בריתך שחתמת בבשרינו'!

### לאָז נישט פאַרפאַלן גיין די מתנה!

אַ איד דארף זיך מתבונן זיין אַז ער איז אן אַנדערער סאָרט מענטש! זיין גוף איז נישט די זעלבע ווי אַ גוי, ווייל מ'האָט אים שוין פאַרגאָסן בלוט פון אַ כריתת ברית מיט'ן רבוש"ע. ער האָט אַ מורא'דיגע פּאָטענציאַל וואָס ער דאַרף דאָס אויסנוצן.

משל למה הדבר דומה: לאָמיר זאָגן אַז ס'איז דאָ אַ מעגליכקייט צו אַריינלייגן אין דעם מח פון אַ פּיצל קינד אַ טעכנאָלאָגישע שטיקל וואָס וועט אים העלפן פאַרשטיין און געדענקן גאָר אַסאַך. (היינט צוטאָגס איז דאָס שוין נישט אַזוי ווייט פונעם מציאות...) און מ'האָט דאָס אינסטאָלירט ביי אַ קליין קינד.

שפּעטער, ווען ער איז ערוואַקסן, זאָגט מען אים: "זאָלסט וויסן אַז דאָס איז נישט גרינג אָנגעקומען פאר דיין פאָטער, ער האָט באַצאָלט אַסאַך געלט דערפאַר און בלויז נאָכ'ן וואַרטן צוויי יאָר האָט מען דיך געמאַכט דעם פּראָצעדור. יעצט אַז דו האסט עס יאָ באַקומען, מ'האָט דיך געמאַכט אַ כלי פאר הבנה וזכרון, איז עס ממש אַ שאָד אַז דו זאָלסט עס נישט אויסנוצן צום מאַקסימום!זעץ זיך לערנען וועסטו אַלעס קענען פאַרשטיין און געדענקן!"

דער רבוש"ע זאָגט פאר יעדן איד: איך געב אייך די מצוה פון ברית מילה, וואו דו ביסט כורת ברית מיט'ן אויבערשטן. דו ווערסט ראוי צו זיין אַ מרכבה לשכינה! נוץ דאָס אויס! זיי לוחם, לאָז טרערן אויף דעם ענין, זיי זיך גודר גדרים, און אויב דו פאַלסט אַראָפּ, הייב זיך אויף מיט אַ שמחה, אַזוי וועסטו טאַקע זיין אַ מרכבה לשכינה.

אַ איד דארף זיך מחשיב זיין און וויסן אַז ער האָט די פּאָטענציאַל! ער איז חתום באות ברית קודש! וויפיל ער זעט אַז אַרום און אַרום איז דאָ שוועריגקייטן, אָבער ער האָט באַקומען די כלים און די מעגליכקייט צו זיין אַזוי נאָנט מיט'ן רבוש"ע.


פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **יצחק הושנדר** הי"ו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי קוראי הגליון
יעמוד לימין הנדבן החשוב
לזכות לבני חיי ומזוני רויחי
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
בית המדרש רידזש
ויואל משה סאטמאר

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב